ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ב' חשון תשס"ו

טייערע קינדער שלוחים,

געדענקט איר דעם לעצטן מאל וואס איר זייט געפארן אויף א טריפ? געדענקט איר וויפל איר האט זיך איינגעפעקט און געשלעפט פארן רייזע? אמאל קומט אויס אז אין קאר האט מען נאך מער פעקלאך ווי מענטשן!!

קינדער, יעצט נאך חודש תשרי פארן מיר אויף א לאנגע רייזע דורך דעם גאנצע יאר. מיר מוזן מיטנעמען מיט זיך אסאך פעקלאך. אבער די פעקלאך זיינען ניט פון עסן אדער קליידער: די פעקלאך זיינען פול מיט די חיות וואס מיר נעמען פון חודש תשרי – די שמחה, דעם נאענטקייט צום אויבערשטן, און אלע נייע החלטות וואס מיר האבן אנגענומען אין דעם חודש.

יעצט, חודש חשון איז די צייט צו עפענען אלע פעקלאך און נוצן וואס מען האט איינגעוויינט אין אונזערע טאג-טעגליכע לעבן.

אין דעם זכות וועלן מיר זיכער זוכה זיין אז דער רבי וועט אונז שוין פירן צו ירושלים מיט די גאולה האמיתית והשלימה!

א. וועכטער



## משיח נאו!

אין אנהויב פון דער תורה לערנען מיר וועגן דער וועלט באשאפונג. ערשט ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט שטייט "ורוח אלקים מרחפת על פני המים" - דער גייסט פון אויבערשטן איז געווען אויף דער פנים פון די וואסער" שטייט אויף דעם אין מדרש אז דער "גייסט" איז דער גייסט פון משיח.

פון דעם לערנען מיר אז די ציל פון דער גאנצער וועלט איז די צייט פון גאולה!!

## פרשת נח



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת נח

### נח איש צדיק תמים הי' בדורותיו

די תורה דערציילט אונז וועגן דער לעבנסשטייגער פון נח, אז ער איז געווען דער איינציקער פון זיין גאנצן דור וואס האט זיך געפירט לויט'ן רצון פון אויבערשטן און האט עוסק געווען אין "מעשים טובים". נח איז אינגאנצן ניט נתפעל געווארן דערפון וואס אלע מענטשן פון זיין דור האבן זיך געפירט אויף א פארקערטן אופן!

דערפון איז פאראן אן אפלערנונג פאר יעדן אידיש קינד:

דער יצר הרע קומט צו א אידיש קינד און זאגט אים: ווי טראכסטו זיך אונטערנעמען צו לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, אריינגערעכנט אויסרופען צו דער גאנצער וועלט אז **"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"** (און דאס גלייכן )–בשעת דו אליין ווייסט אז דו ביזט אן איינציקער קליין קינד, און ארום דיר איז פאראן א גרויסע וועלט, מיט א סך פעלקער און מענטשן וואס פירן זיך פונקט פארקערט!

ספעציעל אין א צייט ווען עס הערשט א פינסטערניש אין וועלט אין באצוג צו אלע גוטע און הייליקע זאכן.

ענטפערט א קליין אידיש קינד: אט דערציילט די תורה ווי אזוי נח האט באשלאסן צו פירן זיך ווי א צדיק, ווי דער אויבערשטער וויל, און עס האט אים אינגאנצן ניט געשטערט וואס די גאנצע וועלט ארום אים האט זיך געפירט אנדערש! און נאך מער: דורך אזא אויפפירונג האט ער געראטעוועט די גאנצע וועלט, און נאכן מבול האט ער אויפגעבויט אן "עולם חדש" (א נייע וועלט).

און אויב דאס איז ריכטיק ביי נח'ן, וועלכער איז געווען ממש אן איין און איינציקער אין גאנצן דור, און פונדעסטוועגן האט ער זיך געקענט קעגנשטעלן זיין גאנצן דור - איז דאך זיכער אין אונזער פאל, וואס צוזאמען מיט יעדן אידיש קינד זיינען דאך פאראן צענדיליקער טויזענטער אידישע קינדער וועלכע באלאנגען צו "צבאות השם" אין אלע מדינות פון דער וועלט, וואס זיי זיינען א טייל פון דעם גאנצן אידישן פאלק, און וואס אונזער דור איז א

(המשך אין עמוד 2)

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

טייל פון אלע אידישע דורות פון מתן תורה ביז דעם איצטיקן דור - אט איז דאך אוודאי און אוודא אז יעדער אידיש קינד קען האבן א ווירקונג אויף דער גאנצער וועלט!

בשעת אלע אידישע קינדער פון "צבאות השם" פון דער גאנצער וועלט פאראייניקן זיך צו אויספאלגן די אנזאגן פון זייער איינציקן "קאמענדער–אין–טשיף", דער אויבערשטער - קענען זיי זיכער מנצח זיין דעם "יצר", און לערנען תורה און מקיים זיין אירע מצוות אין טאג טעגלעכן לעבן, וואס דאס איז דער אמת'ער לעבן פון א אידן, "כי הם חיינו ואורך ימינו".

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער - שיחת ב' מ"ח תשמ"ג)*

# דעם חסידישן לוח

## כ"ה תשרי

יארצייט פון ר' לוי יצחק פון בארדיטשעב

ר' לוי יצחק פון בארדיטשעב איז געבארן געווארן אין יאר ת"ק.

אין יענע צייט האט דער בעל שם טוב געגעבן זיינע חסידים צוויי מאל משקה און מזונות און האט געזאגט אז "א נייע נשמה איז געקומען אין וועלט, א נשמה וואס וועט זיין א מליץ טוב פאר אידן."

ר' לוי יצחק איז באוואוסט געווארן פאר זיינע מעשות ווי ער האט אין יעדער זאך געזען ווי אידן זיינען גוט.

ר' לוי יצחק איז געווען זייער א גרויסע גאון און איז געווען א רב אין א מתנגד'ישע שטאט. ווען ער איז געפארן צום מגיד פון מעזריטש האט ער געהאט פון דעם גרוים שוועריקייטן פון די מתנגדים פון זיין שטאט.

זיין שווער האט אים געפרעגט, "פארוואס ביסטו געפארן אין מעזריטש צו די חסידישע רבי? וואס האסטו געלערנט דארטן וואס דו קענסט ניט לערנען דא?"

האט ר' לוי יצחק געענטפערט" איך האב געלערנט אז עס איז פאראן אן אויבערשטער!"

"פאר דעם ביסטו געפארן?! אפילו א פשוט'ע פרוי ווייסט אז עס איז פאראן אן אויבערשטער!"

צו דעם האט ר' לוי יצחק געענטפערט " זי זאגט, אבער איך ווייס!!!"

אין תקמ"ה איז דער ר' לוי יצחק געפארן זיין א רב אין בארדיטשעב - א חסידישע שטאט, און דארטן האט ער געלעבט רוהיג די לעצט 25 יארן פון זיין לעבן.

ר' לוי יצחק איז געווען א מחותן פון דער אלטער רבי - זיין איניקל האט חתונה געהאט מיט דער אלטער רבי'ס איניקל. דער אלטער רבי האט זייער משבח געווען ר' לוי יצחק מבארדיטשעב אויף זיין גוטע רייד אויף אידן. דער אלטער רבי האט געזאגט אז ווען א איד זאגט תהלים און דערמאנט די נאמען פון ר' לוי יצחק, קומען אן די אותיות פון תהלים צו דעם פלאץ פון זכותים און ערוועקן רחמנות פאר אים און זיין משפחה. אין בארדיטשעב איז די אהל פון ר' לוי יצחק - אן אמת'ע צדיק - ווי דער אלטער רבי האט געזאגט "דער אויבערשטער איז צדיק אין הימל או ר' לוי יצחק איז צדיק אין וועלט!"

# דערציי'ל מיר א מעשה

## א מעשה פון ר' לוי יצחק פון בארדיטשעב

די טעג פאר יום כיפור זיינען אלעמאל ערנסטע טעג, אבער איין יאר אין בארדיטשעב האט מען געפילט אן ערנסטקייט וואס איז געווען איינגאנצן אנדערש. ר' לוי יצחק האט פיל געוויינט די טעג, און אלע חסידים האבן געציטערט. ווער ווייסט וואס פאר א גרויסע גזירה ער זעט אין הימל?

אפאר טעג פאר יום כיפור האט ר' לוי יצחק גערופען זיין גבאי. "יעדן יאר נעם איך פ"נים פון די חסידים. דעם יאר וויל איך בעטן אז פאר יעדן נאמען אין פ"ן זאל מען באצאלן 2 גראשען."

דער גבאי האט ניט געגלויבט . אויף דעם רעדט דער רבי יעצט - אויף געלט!? אבער ער האט גלייך איבער געגעבן די ווערטער צו די חסידים פון שטאט.

און טאקע, האבן אלע אידן געזוכט און געפונען געלט , און מיט דעם זיינען זיי געקומען צו ר' לוי יצחק ערב יום כיפור.

אין די לאנגע רייע איז געשטאנען א פרוי. זי האט אויך געוואלט אז איר צוזאמען מיט איר קינד זאלן אריינגעשריבן ווערן אין ר' לוי יצחק'ס רשימה. אבער געלט האט זי ניט געהאט. ווען זי איז אנגעקומען האט זי געבעטן אויב זי קען יעצט געבן אירע נעמען און זי וועט געבן די געלט ווען זי וועט דאס האבן.

"ניין!" האט דער גבאי געזאגט, "דער רבי האט קלאר געזאגט אז ער וועט נאר נעמען נעמען מיט געלט."

"לאז מיר פרעגן בײם רבי'ן אליין, האט זי געזאגט. "רבי -מיין מאן איז אוועק און איך האב ניט קיין געלט. ביטע ראטעווע מיר און מיין קינדער!"

"ניין!" זאגט דער רבי. "אן געלט וועל איך ניט קענען נעמען דיינע נעמען!"

די פרוי איז אוועקגעגאנגען צובראכן. פון וואנעט וועט זי באקומען די געלט? אבער זי איז געווען זיכער אז זי מוז געפונען די געלט און אריינשרייבן זיך און איר קינד אויף א גוט יאר.

זי איז געלאפן דורך די שטאט און האט געקליבן געלט, און אין די לעצטע פאר מינוט פאר כל נדרי איז זי אריינגעלאפן אין רבי'נס שטוב.

"רבי איך האב די געלט. נעם מיינע פ"ן!"

דער רבי האט געקוקט און האט געזען אז זי האט נאר געברענגט צוויי גראשען.

"איך האב שוין געזאגט אז **יעדער נאמען** קאסט צוויי גראשען. קלויב אויס איין נאמען וואס דו ווילסט איך זאל אריינשרייבן."

די פרוי האט געציטערט. וואס זאל זי טאן?

זי האט ניט געטראכט צו פיל, נאר מיט א געוויין האט זי געענטפערט "מיין זון! רבי - שרייב אריין מיין קינד."

ווען ער האט געהערט די ווערטער, זיינען דער רבי'ס אויגן אויפגעלעבט געווארן. אויף דעם האט ער געווארט!! ער האט גענומען די פ"ן און די צוויי גראשן און ער האט זיי אויפגעהובן צום אויבערשטן "אויבערשטער, קוק אויף דיינע קינדער. זעה וואס א פרוי איז גרייט טאן פאר איר קינד– און דו אויבערשטער – דו ביסט א טאטע !! דו מוזט אויך זיין גרייט געבן דיינע קינדער א גוטע זיסע יאר!

"נעם שנעל די זאכן," האט ר' לוי יצחק געזאגט צום גבאי - "מיר זיינען גרייט אויף כל נדרי!"

בס״ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך, ז׳ חשון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—פרשת נח

א. אין וועלכע יאר איז ר׳ לוי יצחק פון בארדיטשעב געבארן? ________________

ב. ביי וועלכע חסידישע רבי׳ האט ער געלערנט? ________________________________

ג. וואס האט ער פון אים געלערנט? ________________________________________

________________________________________________________________

ד. וואו האט ער געלעבט זיינע לעצטע יארן? ________________________________

________________________________________________________________

ה. אלס וואס איז ער באוואוסט געווארן? ____________________________________

________________________________________________________________

ו. שרייב נאך א מעשה פון ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעב. ________________________

________________________________________________________________

ז. וואס לערנען מיר פון דעם אז עס שטייט אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט איז שוין געווען רווח של משיח? ____________________________________

________________________________________________________________

ח. וועלכע רביצין איז 9 דורות פון ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעב? ____________________

________________________________________________________________

ט. אמאל קען א איד פילן זייער קליין אין א וועלט פול מיט מענטשן וואס טוען ניט וואס דער אויבערשטער וויל , וואס לערנען מיר פון נח? ____________________________

________________________________________________________________

י. וואס האסטו גענומען פון חודש תשרי? ____________________________________

________________________________________________________________

נאמען: ________________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ________________________________________

אי-מייל: ________________________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org